| שבת חזון |

בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

דברים

ו' אב תשפ"ד

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:53 |
| מוצש"ק | 8:07 |
| ר"ת | 8:45 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:32 | סוז"ת א' | 9:56 |
| סוזק"ש ב' | 9:20 | סוז"ת ב' | 10:28 |

| די צייטן לויט די זומער זייגער |

גליון מס': צה

שנה ב'

## טיב הפרשה

# דן זיין א צווייטן איד לכף זכות – די עצה קעגן שנאת חינם

אין די וואכעדיגע סדרה הייבט כלל ישראל אן צו לערנען דער סדר פון דברים. מערערע נעמען טרעפן מיר אויף דער סדר דברים. אין חז"ל ווערט עס אנגערופן 'משנה תורה' ווייל אין איר ווערט איבערגע'חזר'ט אלע הלכות פון די תורה.

עס איז דא אין איר אסאך הלכות, אבער עס האט אויך אין איר אסאך מוסר. עס איז באקאנט אז דער יהודי הקדוש זי"ע האט געהאט א סדר אז יעדן טאג האט ער געלערנט א שטיקל משנה תורה זאגנדיג אז דאס איז דער מוסר ספר פון משה רבינו פאר כלל ישראל.

מיר ווייסן אז די תוה"ק וואס מיר לערנען איז צוזאמענגעשטעלט פון פיר חלקי התורה. עס איז דא פרד"ס, אז אלע אגדות און מאמרי חז"ל זענען מרומז אין די תורה, אויך ווען עס רעדט זיך פון מוסר, אבער עס איז נישט קיין פארגלייך ווען מען לערנט דער רמז צו ווען מען לערנט די שורש אליין און די מוסר פון די משנה תורה איז דער שורש פון אלע שפעטערדיגע ספרי מוסר.

אז מען איז זיך מתבונן אין איר טרעפט מען דעם שורש צו אלע יסודות וואס ווערן שפעטער אראפגעברענגט אין ספרי קודש. אויך די התעוררות וואס מען האט איז נישט קיין פארגלייך ווען מען לערנט עס פון די ערשטע מקור צו די שפעטערדיגע מקורות.

אויף דער הייליגער גר"א דערציילט מען אז אין די לעצטערע יארן האט ער געלערנט נאר תורה שבכתב. די נאנטע פלעגן ערקלערן אז זיין השגה איז געווען אזוי גרויס אז ער האט זוכה געווען צו לערנען די תורה כנתינתה מסיני, אז ער האט געזען אין יעדן ווארט פון די תורה אלע דרשות חז"ל וואס די הייליגע חכמים האבן שפעטער משיג געווען במשך אלע דורות.

מיר שטיין די וואך אין די ימי בין המצרים. חז"ל זענען אונז מגלה אז די עוונות וועגן וואס מען איז אין די צייט פון די חורבן פארטריבן געווארן איז נאך דא מיט אונז היינטיגע צייטן און ווי עס איז דער לשון פון חז"ל: כל דור שלא נבנה בימיו כאילו נחרב בימיו.

עס מיינט אין אנדערע ווערטער אז דער בית המקדש וואלט געקענט צוריק געבויט ווערן היינטיגע צייטן ווען אונז וואלטן ווען מתקן געווען די חטאים וועגן וואס עס איז חרוב געווארן.

ביי די ערשטע בית המקדש איז ליידער געווען אסאך חטאים אבער ביים צווייטן חורבן איז דער מצב פון כלל ישראל געווען בעסער. כלל ישראל האט עוסק געווען בתורה, מיט מצוות, מיט מעשים טובים, אבער מיט דעם אלעם איז עס חרוב געווארן.

די גמרא אין יומא [דף ט' ע"ב] פרעגט די קשיא און דרוקט זיך אויס ביי די קשיא מיט די ווערטער: מקדש שני שהיו עוסקין בתורה ובמצות וגמילות חסדים מפני מה חרב, מפני שהיתה בו שנאת חנם, ללמדך ששקולה שנאת חנם כנגד שלש עבירות עבודה זרה, גלוי עריות, ושפיכות דמים.

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

# בִּלְבָבִי מִשְׁכַּן אֶבְנֶה

שטעלט אייך פאָר, ווי א גרויסער בנין האלט אינמיטן ווערן געבויט, און יעדן אינדערפרי קומען פילע ארבעטער און לייגן ארויף א שטיין אויף א שטיין, באהעפטן עס מיט ליים און גייען אריבער צום קומענדיגן שטיין. און דא, **פלוצלונג** – נעמען די ארבעטער א גרויסן האק און הייבן אן צוברעכן די שטיינער וואס זענען נארוואס געלייגט געווארן, און צוברעכן א שטיין נאך א שטיין און א שורה נאך א שורה. נאך עטליכע מינוט לייגן זיי אראפ די העק און נעמען זיך ווייטער בויען, און אזוי ווייטער, מען צוברעכט און מען בויט, מען בויט און מען צוברעכט. וואס וואלטן מיר געזאגט ווען מיר וואלטן דאס צוגעזען? די ארבעטער וואלטן דאך גערעכנט געווארן ווי טיפשים אין אונזערע אויגן!

די הייליגע חכמינו זכרונם לברכה האבן אונז געלערנט, אז **כָּל דּוֹר שֶׁלֹּא נִבְנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בְּיָמָיו, כְּאִלּוּ נֶחֱרַב בְּיָמָיו**, דאס מיינט אז אינעווייניג ביי יעדן איינעם פון אונז געפינט זיך א **קמצא ובר קמצא**, און יעדער איינער פון אונז ווערט חלילה פון מאל צו מאל פארוואנדלט אין א סאלדאט פון די ארמיי פון טיטוס, ווייל די דאזיגע ארבעטער וואס בויען און צוברעכן, וועלכע מיר האבן פריער דערמאנט, זענען דאך אונז אליין, וויבאלד מיר טוען און שטרענגען זיך מיט אלע אונזערע מעגליכקייט צו צולייגן נאך און נאך שטיינער און נאך און נאך שורות פון שטיינער צום בנין בית המקדש, אבער פון די אנדערע זייט, טוען מיר צומאל צוברעכן גאנצע שורות פון שטיינער פונעם בנין בית תפארתנו, אינדערצייט וואס מען רעדט לשון הרע, אדער מען ווערט געשטרויכלט אין שנאת חנם אדער אפילו מיט אן אומריינע מחשבה, און יעדער קליין קינד ווייסט דאך אז יעדע איינציגע מצוה לייגט צו נאך א שטיין צום בנין בית המקדש.

אויב אזוי, וואס פעלט אונז? **אמונה**! צו גלייבן אז עס איז ממש אזוי, אז טאקע אין די זעלבע מינוטן וואס מיר זענען עוסק אין א מצוה, פלאגן זיך די מלאכי מעלה צו בויען דעם בנין בית המקדש מיט פייערדיגע שטיינער וואס זענען יעצט באשאפן געווארן פון אונזערע מצוות ומעשים טובים, און אויך אז אין אן אנדער מינוט קומען זיי און צוברעכן עטליכע שטיינער, וויבאלד עפעס א איד – אפילו אין גאר א פארדרוקטן ארט – האט עובר געווען אן עבירה.

אין מדרש איכה ווערט געברענגט, אז נאכדעם וואס טיטוס הרשע האט חרוב געמאכט דעם בית המקדש, איז ארויסגעגאנגען א בת קול און האט געזאגט: 'קִמְחָא טְחִינָא טָחַנְתְּ', דאס מיינט אז ער האט צומאלן געמאלענע מעל, ווייל וויבאלד אידן האבן עובר געווען אויף די מצוות פון די תורה איז שוין דער בית המקדש געווען אזוי ווי עס איז חרוב, אזוי אז טיטוס און אלע זיינע סאלדאטן האבן למעשה גארנישט געטון.

און אזוי וועט אויך זיין ביים אויפבוי פונעם בית המקדש, וועלכער וועט אראפנידערן פון הימל זייענדיג אויפגעבויט מיט פייער און דעמאלטס וועלן מיר זען מיט די אויגן אז דורכן זיין דבוק אינעם אויבערשטן און אין קיום המצוות איז דער בית המקדש געווארן אויפגעבויט, און נישט מיט זילבער און געלד, און אוודאי נישט מיט שטיינער און העק. (עפ"י טיב הנחמה)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות פון מורנו ורבנו שליט"א – אין א עקסטערע נומער

אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

ווען מען טראכט אריין טיפער אין די ווערטער פון חז"ל זעט מען אז חז"ל זענען מדגיש אז עס איז געווען אן ערליכער דור, עס איז געווען אין איר תורה, מצוות, גמילות חסדים, אבער דאך איז עס חרוב געווארן.

עס גייט א טריט ווייטער. אויך אין געביט פון גמילות חסדים זעט מען אז עס איז געווען, ווי די גמרא איז מדגיש, עס האט נאר געפעלט די איינציגע זאך, עס איז געווען אסאך שנאת חינם און וועגן דעם איז דער בית המקדש חרוב געווארן.

דאס לערנט אונז אויס א מורא'דיגער יסוד אז דו קענסט זיין דער גרעסטער בעל חסד און אנפירן מיט ריזיגע חסד אפאראטן און טיילן עסן פאר טויזנטער אידן, אבער אויב ביסטו חלילה געשלאגן אין שנאת חינם, ביסטו נישט דער וואס בויט דער בית המקדש.

א שטיקל משל ווי אזוי אזא זאך קען זיך טרעפן קען מען געבן ווען מען זעט אז א איד פירט אן א ריזיגע חסד ארגינאזאציע אבער אינמיטן עס פירן מאכט זיך אז ער האט א טענה אויף א איד, אז ער נעמט נישט קיין טייל אין די גרויסע מעשי החסד, ער האט אויף יענעם א טינה בלב, קען זיין אז עס גרעניצט זיך מיט שנאת חינם און ער דארף עס אויסרייסן פון זיך.

דער נושא פון שנאת חינם איז א שווערע נושא. מען דארף אסאך אריינהארווען צו זיין אויסגעלייטערט אין דעם. א גוטער מהלך ווי אזוי עס ארויסצונעמען פון זיך איז אז מען זאל זיך צוגעוואוינען דן צו זיין א צווייטן לכף זכות, אפילו ווען פאר די אויגן זעט מען נישט קיין שום מעגליכע וועג ווי אזוי מען קען יענעם דן זיין לכף זכות.

דער אמת איז אז ווען מען זאל זיך מתבונן זיין איז נישט דא קיין שום מצב אין די וועלט וואו מען קען נישט טרעפן א צד זכות אויף א צווייטן איד, ווייל מען קען קיינמאל נישט וויסן וואס איז יענעמ'ס מצב באמת.

ווען חז"ל רעדן פון דן זיין א צווייטן איד לכף זכות דרוקן זיי זיך אויס מיט דער לשון פון 'אל תדין את חבירו עד שתגיע למקומו'.

אז מען וויל דן זיין א צווייטן איד, דארף מען זיין אין זיין מקום, ווייל נאר ווער עס איז אין יענעמ'ס מקום און האט אלע ארומיגע אומשטענדן וואס יענער האט, ווי זיין געבורט ארט, זיינע עלטערן, זיין שטוב, האט די מעגליכקייט דן צו זיין אן אנדערן און זיינע מעשים, אבער אזוי לאנג ווי מיר האבן עס נישט, קענען מיר נישט דן זיין א צווייטן איד און מען דארף דן זיין יענעם לכף זכות.

דער דן זיין א צווייטן לכף זכות קען ארויסנעמען א מענטש פון די שווערע מידה פון 'שנאת חינם', און אז מיר וועלן זיך שטארקן אין דעם אין די טעג וועלן מיר זוכה זיין מקרב צו זיין די גאולה השלימה און דער בנין בית המקדש וועלכע וועט קומען בקרוב אין אונזערע טעג במהרה בימינו.

טיב הנחמה

# בכה תבכה בלילה – די געוויין מתוך הכנעה

אין די וואך וואס קומט וועט כלל ישראל מקונן זיין אויף די חורבן הבית. מען וועט זיך זעצן אויף די ערד און זאגן קינות און זיך מתאבל זיין אויף ירושלים עיה"ק און אויף דער הייליגער בית המקדש.

ווען מען לייענט די קינות און מען גייט אריבער אויף די שווערע צרות וואס כלל ישראל איז אריבער במשך די יארן, אויסער דער עצם חורבן, קען מען צומאל גרייזן און מיינען אז מען האט דא חלילה א טענה אויף הקב"ה, אבער דער אמת איז אז זיי ווערן געזאגט מתוך הכנעה, מתוך צידוק הדין, אז מען נעמט אחריות אז מען גייט זיך פארבעסערן און זען וואס מען קען טון אז די גזירות זאלן שוין בטל ווערן און מען זאל זוכה זיין צו די גאולה השלימה.

די געדאנק קען מען זען פון דער וועג ווי אזוי מען האט מתקן געווען אז מען זאל זאגן די קינות. חז"ל האבן מתקן געווען אז אלע קלאגעריי זאל געמאכט ווערן דייקא ווען מען זיצט אויף די ערד און מען איז בשפלות רוח, אז אין אזא צייט זאל מען זאגן די קינות, ווייל מיר זאגן עס מיט א צוגאנג פון הכנעה.

די נקודה קען מען אויך ארויסלערנען זעענדיג אז מען האט מתקן געווען צוזאגן די קינות איין טאג א יאר און דייקא אין א טאג ווען כלל ישראל איז אין א שפל'דיגן מצב און מען איז מקבל דער דין באהבה ובנאמנה, נישט אז מען האט חלילה תרעומות.

דער געדאנק דערקענט זיך אויך זייער שטארק אין די ווערטער פון די קינות. כמעט ביי יעדער שטיקל וואס מען זאגט און אויך וואו מען קלאגט אויף די געשעענישן וועט זיין צווישן די ווערטער אויך א צידוק הדין. דער איד וועט זאגן אז 'נחנו פשענו' און 'כי פיהו מרינו' און מען פירט אויס אז וועגן דעם איז אונז געקומען די ביטערע צרה.

דער געדאנק איז אויך דא אין רש"י אין פרשת דברים [א, מה] וואו מען רעדט ארום אז כלל ישראל האט זיך געבעטן ביי הקב"ה אז ער זאל רחמנות האבן אויף זיי, אבער הקב"ה האט זיי נישט אויסגעהערט און ווי עס איז דער לשון הפסוק אויפ'ן ארט: 'ותשובו ותבכו לפני ה' ולא שמע ה' בקולכם'.

רש"י אויפ'ן ארט איז מדגיש די נקודה און זאגט וזה לשונו "כביכול עשיתם מדת רחמיו כאילו אכזרי".

די זעלבע זאך איז אויך ביי אנדערע פסוקים אין איכה [ב, ה] ווען מען זאגט אז חלילה 'היה ה' כאויב בלע ישראל בלע כל ארמנותיה שחת מבצריו' אדער ווי מען זאגט 'דוב אורב הוא לי ארי במסתרים', איז אויך דארט די כוונה אז מיר האבן עס גורם געווען און מיר זענען מקבל אויף זיך דעם גזר דין.

זאל הקב"ה געבן אז מיר זאלן זוכה זיין צו זען די רחמים אפענערהייט און צו די גאולה השלימה בקרוב אין אונזערע טעג.



טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# א שמירה עליונה

נאך א לענגערע צייט פון גרייטונגען איז אנגעקומען דער ענדגילטיגער טאג ווען איך האב זיך געדארפט ארויסלאזן קיין האלאנד אויף געשעפטן.

די רייזע איז געווען אויסגעפלאנירט פון פריער אבער עס איז אויך געווען פארבינדן מיט אסאך סכנה'ס, און טרעפנדיג איידער די רייזע מורינו שליט"א אין די זכרון משה שטיבלעך בין איך צוגעגאנגען צו אים און אים געבעטן א ברכה.

"דו פארסט דאך קיין אויסלאנד. דארט איז שווער מיט מנין. אז דו נעמסט זיך אונטער אז דו וועסט מקפיד זיין יעדן טאג אויף מנין, וועסטו זוכה זיין צו א שמירה עליונה".

איך האב זיך פארגענומען און ער האט מיר געגעבן א ברכה.

די אויפגאבע איז געווען היבש שווערער ווי איך האב געמיינט. אנקומענדיג אהין בין איך געוואויר געווארן אז די איינציגסטע מנין אין מיין געגענט איז צו פארן היבש לאנג פון וואו איך דארף זיין, א טעקסי אהין האט מיר געקאסט די סומע פון הונדערט און זיבעציג יורא, עס איז אויך געווען א נץ מנין, אז איך האב געדארפט אויפשטיין זייער פרי פאר דעם, אבער א הבטחה מוז מען איינהאלטן.

איך האב זיך געשטארקט און טאג טעגליך האב איך עס איינגעהאלטן און טאקע – איך האב זוכה געווען צו זען די שמירה עליונה.

ווי געזאגט איז די רייזע געווען פארבינדן מיט סכנה'ס. די ליניע מיט וואס איך געב זיך אפ איז געבינדן מיט אסאך פארברעכערישע גרופעס, טייל פון זיי זענען זייער געפארפול, איך האב אפגעהאלטן דריי באגעגענישן, די ערשטע צוויי גרופעס האבן געמאכט אויף מיר א שלעכטן איינדרוק, איך האב נישט געוואלט שליסן מיט זיי געשעפטן, די דריטע האט געמאכט אויף איר א גוטער איינדרוק, מיט זיי האב איך געשלאסן א געשעפט.

אהיימקומענדיג האב איך זיך דערוויסט אז איך בין דא ניצול געווארן פון א שווערע פאסטקע. גענוי ווי איך האב געטון איז געווען ריכטיג. א באקאנטער מיינער וועלכער קען זיך אויס אין די ליניע האט מיר געזאגט אז ער האט נישט געהאט אזא הצלחה, אז ער איז אריינגעפאלן מיט איין גרופע און נאך ביז היינט ליידט ער פון זיי.

ביי מיר איז געווען זיכער אז די פארגעפילן וואס איך האב געהאט ביי די באנדעס איז געווען בזכות פון דעם אז איך האב איינגעהאלטן די קבלה טובה וואס מורינו שליט"א האט געבעטן פון מיר.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: י.ל.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# אַהֲבַת חִנָּם

ווען די טעג פון 'בין המצרים', ווערט גע'פסק'נט אין שולחן ערוך (או"ח סימן תקנ"א סעיף י"ח) די פאלגנדע הלכה: "צָרִיךְ לִיזָּהֵר מִשִּׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז עַד תִּשְׁעָה בְּאָב שֶׁלֹּא לֵילֵךְ יְחִידִי מֵאַרְבַּע שָׁעוֹת עַד תֵּשַׁע שָׁעוֹת. וְלֹא יַכּוּ הַתַּלְמִידִים בַּיָּמִים הָהֵם". מען זאל אכטונג געבן פון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באב, אז מען זאל נישט גיין אליין פון פיר שעה אין טאג ביז ניין שעה אין טאג [וואס דעמאלטס איז די שטארקייט פון די זון], און מען זאל נישט שלאגן די תלמידים אין די טעג.

אינעם אויבנדערמאנטן דין פון "שֶׁלֹּא לֵילֵךְ יְחִידִי" – איז מרומז אז דער עיקר חורבן און גלות איז געקומען ווען 'שִׂנְאַת חִנָּם' (יומא ט:), דאס מיינט אז יעדער איינער גייט זיך 'יחידי', אליין, און מען באהעפט זיך נישט אינאיינעם, מיט אחדות און אהבת ישראל. אזוי ווי עס ווערט ערקלערט דארט אין די גמרא: "דּוֹקְרִין זֶה אֶת זֶה בַּחֲרָבוֹת שֶׁבִּלְשׁוֹנָם", רחמנא ליצלן, וואס דאס ציט דעם גאנצן שטארקייט פון דינים, זאל דער אויבערשטער אפהיטן, און אזוי ווי עס ווערט ערקלערט אין די סוגיא פון פרק הניזקין (גיטין נה:) "אַקַּמְצָא וּבַר קַמְצָא חָרוּב יְרוּשָׁלַיִם וכו'".

דעריבער זאל מען אין די טעג נאכמער אכטונג געבן אויף די הארבע ענינים פון בין אדם לחבירו, און אפילו די תלמידים און די קינדער, וואס געווענליך דארף מען זיי שלאגן לצורך זייער חינוך, טאר מען זיי יעצט נישט שלאגן, און אוודאי און אוודאי אז איינער דעם חבר זאל נישט שלאגן, און זיך נישט קריגן מיט מחלוקת און כעס! – נאר זיך האלטן נאנט מיט ליבשאפט און שלום! און דורכן פארמערן 'אַהֲבַת חִנָּם' צווישן אידישע קינדער וועט דער זינד פארראכטן ווערן, און מיר וועלן אינגיכן זען בְּבִנְיַן צִיּוֹן וִירוּשָׁלַיִם, אמן.

-> • <-

עס האט מיר דערציילט הרב הגאון רבי יעקב אליעזר שווארצמאן שליט"א, ראש ישיבת לעיקוואוד אין ירושלים עיר הקודש, די פאלגנדע וואונדערליכע עובדא פון זיין גרויסן זיידן מרן רבי איסר זלמן מעלצער זצ"ל.

איינמאל, ווען רבי איסר זלמן האט געהאלטן אינמיטן צוזאמשטעלן זיין באוואוסטן חיבור "אבן האזל" אויפן רמב"ם אינעם חלק פון 'מדע-אהבה', איז ער אנגעקומען צום מברר זיין דעם זמן קריאת שמע און תפילת שחרית. נאכן זיך שטארק פארטיפן אינעם עיון ההלכה כדרכו בקודש, איז ער אויפגעקומען מיטן מסקנא אינעם דעת הרמב"ם, אז דער זמן קריאת שמע ותפילה אלס לכתחלה, איז דווקא אינדערצייט פונעם נץ החמה, אזוי ווי די **ותיקין**, און צו דאווענען נישט ווי די ותיקין איז א בדיעבד גמור (זע אבן האז"ל פרק א' מהלכות קריאת שמע הל' יא-יב).

דער שטייגער פון רבי איסר זלמן פון אייביג אן איז געווען, אז ער האט געדאווענט שחרית אינעם צענטראלער בית המדרש אין די **ראנד'ס הייזער** (ראנד שול), וואו מען האט געדאווענט נישט לויט ותיקין, נאר שפעטער. אבער יעצט, אין ליכט פון זיין נייע מסקנא אינעם דעת הרמב"ם, האט ער באשלאסן אז עס איז דא אן ארט חושש צו זיין למעשה צום שיטה פונעם רמב"ם, און דעריבער איז בעסער צו מחמיר זיין און דאווענען תפילת שחרית לויט ותיקין!

דעריבער האט ער באשטימט מיט זיין געהילף, דאס איז געווען איינער פון זיינע תלמידים, וועלכער איז געשלאפן ביי אים אינדערהיים, און פלעגט ארויסהעלפן פארן רב און פארן רעבעצן מיט אלעס וואס זיי האבן געדארפט – אז אויפצומארגנס אינדערפרי וועלן זיי אויפשטיין גאנץ פרי, כדי צו גיין דאווענען שחרית מיטן נץ.

דער בחור איז אויפגעשטאנען פארטאגס צום באשטימטן זמן, און דא זעט ער אז רבי איסר זלמן איז שוין אויפגעשטאנען פון לאנג, און ער דרייט זיך ארום אין זיין הויז אהין און אהער, ווי איינער וועלכער איז שטארק פארטראכט אין עפעס א שווערן און פארוויקלטן ענין. דער בחור האט זיך שנעל צוגעגרייט ארויסצוגיין, און ווען ער האט געזען אז דער ראש ישיבה פארזוימט זיך נאך, איז ער צוגעגאנגען צו אים מיט יראת הכבוד, און אים איידל אויפגעמערקט אז עס ווערט שפעט, און אויב מען וועט זיך אויפהאלטן וועט מען פארפאסן דעם מנין פון ותיקין!

צום גרויסן וואונדער פונעם בחור, האט אים רבי איסר זלמן געענטפערט מיט זיין געוואלדיגע אויסגעארבעטע מידות, דעם פאלגנדן ענטפער:

איך האב גוט אריינגעטראכט אין דער זאך, און איך בין אנגעקומען צו די מסקנא, אז איך וועל נישט דאווענען מיטן נץ! דערביי האט ער אויך ערקלערט זיין טעם: אינעם ראנד'ס שול, וואו איך דאוון בקביעות שוין לאנגע יארן, איז דא א קביעות'דיגער מנין, צוזאמגעשטעלט פון גוטע אידן פונעם געגנט, וועלכע האבן זיך שוין צוגעוואוינט דורך די יארן, אז נאכן דאווענען, אין די עטליכע מינוט וואס מען לייגט צוזאם די טלית און תפילין, גריסט מען זיך איינער דעם אנדערן און מען וואונטשט זיך **א גוט מארגן**, און איינער פרעגט דעם אנדערן וויאזוי ער פילט, אזוי ווי עס טרעפט זיך ביי די קביעות'דיגע טעגליכע מנינים.

אצינד האב איך געמאכט מיין חשבון הנפש, אז עס זענען דא דארט אסאך אידן וועלכע האבן זייער הנאה ווען דער ראש ישיבה פרעגט זיי וויאזוי זיי פילן און ער אינטערעסירט זיך אין זיי, אט די אידן זענען שטארק צוגעבינדן צו מיר מיט ליבשאפט און אט דעם קליינעם שמועס נאך שחרית געבט זיי אסאך כח און חיזוק! – און יעצט, אויב וועל איך אויפהערן צו דאווענען ביי יענעם מנין, וועל איך זיי צוברענגען חלישות הדעת, און זיי צורויבן אט דעם חיזוק און פארגעניגן וואס זיי האבן ביים אנהייב פון זייער טאג...

עס איז מיר בעסער – האט רבי איסר זלמן אויסגעפירט – צו מוותר זיין אויף א 'לכתחלה' פונעם רמב"ם און דער עיקר אז איך זאל נישט גורם זיין קיין צער, ענטוישונג און חלישות הדעת פאר א איד!!!

אי, ווי ווייט טוט דערגרייכן דאס איידלקייט און גאלדענע לויטערע מידות פון די גדולי ישראל...

[קובץ "כלליות" דף ר"ד – מתוך שיחה (בשידור בלונדון אור לי"ג סיון תשס"א]

-> • <-

אויף הגאון הצדיק המפורסם רבי חיים שאול דוויק הכהן זצוק"ל, איינער פון די גדולי זקני המקובלים הספרדים אין ירושלים עיר הקודש ת"ו, אינעם ישיבת המקובלים 'בית א-ל' תכב"ץ (תכונן בצדק), ווערט דערציילט, אז איינמאל איז געקומען צו אים אויף א באזוך, הגה"ק בעל "דברי יואל" מסאטמאר זצוק"ל, ביי איינע פון זיינע נסיעות צום הייליגן לאנד. דאס איז געווען ווען דער הייליגער מקובל איז שוין געווען אויף דער עלטער, און איז געווען ל"ע א 'סגי נהור', און דער הייליגער סאטמארער רב איז אים געקומען באזוכן אינעם שערי צדק שפיטאל וואו ער האט זיך געפינען צוליב זיין שוואכן געזונט צושטאנד.

וויבאלד דער הייליגער עלטערער מקובל (וועלכער איז ארויפגעקומען קיין ארץ ישראל פון ארם-צובה) האט נישט געקענט דעם 'אידיש' פון די יוצאי אשכנז, האבן זיי גערעדט צוזאמען בסוד שיח שרפי קודש אויף לשון הקודש. – אינדערצייט וואס דער עלטערער מקובל האט גערעדט מיטן ספרד'ישן וועג כדרכו, האט דער רבי גערעדט מיטן זעלבן לשון הקודש, אבער מיטן חסיד'ישן וועג אויפן אשכנז'ישן אופן. – אזוי איז אויסגעקומען אסאך זאכן, וואס די צוויי צדיקים האבן זיך נישט גלייך פארשטאנען אזוי גוט, ביז זיי האבן נאכאמאל ערקלערט דעם ענין מיט א קלארן שפראך, און מיט גרויס ליבשאפט און דרך ארץ איינער פארן צווייטן, ווי דער שטייגער פון תלמידי חכמים וואס זענען מַרְבִּים שָׁלוֹם בָּעוֹלָם (ברכות סד.).

אזוי האבן זיי געשמועסט אין פילע ענינים אין לערנען, בהלכה ובאגדה, און אין ענינים העומדים ברומו של עולם, ביז עס איז געווארן אויסגעקלארט צווישן זיי, מיט א ליכטיגקייט און געשמאק.

ביים שלוס פונעם היסטארישן באזוך, האט דער סאטמארער רבי געבעטן א ברכה פונעם עלטערן מקובל, אבער רבי חיים שאול האט פארשטאנען אז דער רבי וויל אים בענטשן, און האט זיך גלייך אראפגעבויגן און מיט א געוואלדיגע הכנעה האט ער געוויזן פארן צדיק צו לייגן זיינע הייליגע הענט אויף זיין קאפ און אים בענטשן, אזוי ווי עס איז נהוג ביי זיי אז מען געבט א ברכה מיטן ארויפלייגן די הענט אויפן קאפ.

דער רבי איז לייכט צוטרייסלט געווארן, און האט געזאגט מיט א שטורעמישן טאן: חלילה! נישט דאס האב איך געמיינט, נאר פארקערט! אז דער רבי זאל מיר בענטשן... האט רבי חיים שאול געענטפערט דערויף מיט זיין געוואלדיגן פשטות, און געזאגט: גוט, אויב אזוי, בייגט איר אראפ אייער קאפ! און גלייכצייטיג האט ער ארויפגעלייגט זיינע צוויי הייליגע הענט אויפן קאפ פונעם רבי'ן און אים געבענטשט מיט גרויס באגייסטערונג, און מען האט נישט דערקענט ביי אים קיין שום אונטערשייד, צי ער איז דער וואס בענטשט, אדער דער וואס ווערט געבענטשט...

ווען דער סאטמארער רב האט זיך ארויסגעלאזט אין וועג מיט זיינע באגלייטער, האט ער שטארק באוואונדערט פאר זיי דעם געוואלדיגן ענוה פון אט דעם הייליגן מקובל, וועלכער האט נישט געמאכט קיין שום עסק פונעם דראסטישן טויש און אונטערשייד צווישן דער וואס בענטשט און דער וואס ווערט געבענטשט, ביי אים איז אלעס געווען איינס צוליב זיין געוואלדיגן פשטות, אויב ער זאל זיך אראפבייגן זיין קאפ און זיך מבטל זיין פאר אן אנדערן, אדער אז דער צווייטער זאל זיך אראפבייגן פאר אים און זיך מבטל זיין צו אים... און דערביי האט דער הייליגער רבי ערקלערט, אז דאס איז די תכלית השלימות פונעם **מידת ההשתוות**!!!

[קובץ "כלליות" דף רמ"ד – מתוך שיחה לבחורי ישיבת מיר, טבת תשס"ב]

***

א טייערער איד, מזקני

| המשך אין עמוד ד' |>

חסידי בעלזא אין ירושלים עיר הקודש ת״ו, מוהר״ר ישראל קליין זצ״ל, האט מיר דערציילט די פאלגנדע מעשה. דער ר׳ ישראל איז געווען א איד וועלכער האט איבערגעלעבט די וועלט-מלחמה, און האט דארט מיטגעמאכט **שבעה מדורי גיהנם** און איז זיי אלע בייגעשטאנען מיט פעסטקייט, און איז געווען צווישן די גאר ווייניג וועלכע האבן עס איבערגעלעבט בגוף וברוח.

אין איינס פון די שמועסן וואס איך האב געהאט מיט אים, ווי ער האט מיר דערציילט איבער זיינע איבערלעבענישן אין יענע שרעקליכע צייטן, האט זיך זיין הארץ געעפנט פאר מיר און ער האט מיר דערציילט דאס פאלגנדע: אין אמת׳ן קען איך זאגן, אז לפי עניות דעתי ווייס איך וועלכע זכות איז מיר בייגעשטאנען, צו געראטעוועט ווערן פונעם שרעקליכן חורבן [א שטייגער ווי דאס וואס מיר געפינען אין חז״ל און אין די הייליגע ספרים (זע זוה״ק ח״ג קכב.), אז זיי האבן געזאגט: ״דִּין הַנְיָא לִי״, א.ד.ג.].

און אזוי איז געווען די מעשה: איינמאל האט רבי ישראל באגעגנט אינעם נאצישן צוואנגס-לאגער, א איד וועלכער איז געווען זייער אפגעשוואכט, און איז ל״ע געווען א **נפוח כפן** (געשוואלן פון הונגער), אזוי ווי עס איז leider געווען זייער טרעפליך אין די לאגערן, אז מענטשן זענען רח״ל אויסגעגאנגען פון הונגער. אט דער איד איז געווען אויפן שוועל פון א שווערן ׳בולמוס׳, און עס האט אויסגעזען אז שוין עטליכע טעג איז קיין עסן נישט אנגעקומען אין זיין מויל! אזוי איז ער געשטאנען מיט זיינע לעצט-געבליבענע כוחות נעבן א גרויסן ׳מיסט קאסטן׳ וואס האט זיך געפינען ביים עק פונעם לאגער, און דארט האט ער פראבירט צו נישטערן און זוכן, מעגליך וועט ער טרעפן עפעס א ברעקל איבערבלייבענישן פון עסן...

ווען ר׳ ישראל האט געזען דעם שרעקליכן שטאפל צו וועלכע א אידיש קינד האט דערגרייכט, און ווי עס האלט זיך קוים דער לעבנס-גייסט אין אים! איז ער צוגעגאנגען צו אים מיט גרויס רחמנות און ליבשאפט, און האט געזאגט צו אים: זאג נאר טייערער איד! מיט וואס קען איך דיר העלפן? דער ארימער איד איז ערשטוינט געווארן צו אנטפלעקן אביסל רחמנות און ליבשאפט אין א גרויסן ים פון אכזריות און פרעמדקייט... און האט אים געענטפערט מיט א קוים הערבארער שטימע: **עפעס עסן!**

ר׳ ישראל, וועלכער האט געהאט גרויס צער אז ער האט גארנישט געהאט ביי זיך אים צו געבן! ער איז דאך אויך געווען צוזאמען מיט אים אינעם זעלבן צרה... אבער זיין הארץ האט געקאכט צוזעענדיג ווי א אידיש קינד פלאגט זיך אזוי שטארק! ער האט זיך געווענדן צו דעם איד און ער האט געזאגט צו אים: זע נאר מיין טייערער ברודער, וועם איך האב ליב פונקט ווי מיר אליין! צו מיין באדויערן, האב איך ממש גארנישט ביי מיר, איך האב אפילו נישט קיין איינציגן ברעקל דיר צו ראטעווען פון הונגער, מיר געפינען זיך דאך בײדע אינעם זעלבן שיפל... אינעם זעלבן צרה! אבער איין זאך קען איך דיר יא שענקען, און אפילו מיט א גרויסן מאֶס! איך קען דיר געבן א שטארקע **ליבשאפט**, דערפאר וואס דו ביסט א הייליג אידיש קינד! א איד פונקט ווי מיר, וויבאלד אונזערע נשמות זענען איינס!

און אזוי רעדנדיג, האט ער אנגעכאפט דעם ארימען איד מיט זיינע צוויי הענט, און האט אים ארומגענומען און געקושט מיט גאר א געוואלדיגע ליבשאפט, ביז זיי האבן ביידע אנגעהויבן וויינען און פארגיסן פילע טרערן פון באגייסטערונג, און אזוי וויינענדיג האט ער אויסגערופן צו אים: **״איך האב דיר ליב! דו ביסט א איד! איך האב דיר ליב״!**

אזוי זענען ביידע געשטאנען ארומגענומען מיט ליבשאפט, און האבן געפינען א ברעקלע מענטשליכקייט און רחמנות אין אט דעם גרויזאמען ארט! און דערנאך ווען זיי זענען אוועקגעגאנגען, האט ער געזאגט צו אים: וויסן זאלסטו, אז אויך דא, אינעם גרעסטן שפלות פון אידן, האט אונז דער אויבערשטער ליב! ווייל מיר זענען זיינע טייערע און באליבטע קינדער!

צום גרויסן וואונדער, האט די דאזיגע שטארקע ליבשאפט און ווארימקייט, געקרעפטיגט דעם איד, וועלכער איז שוין געווען אויפן שוועל פון טויט, און מיט אט דעם געוואלדיגן חיזוק וואס ער האט אריינגעפלאנצט אין אים, האט ער זיך ווייטער געקענט האלטן ביז עס איז אנגעקומען צו זיין מויל עפעס אן עסנווארג!

פון דעמאלטס און ווייטער איז געווארן א ליבליכער בונד צווישן זיי, און זיי זענען געווארן גאר נאנטע פריינט דורכאויס די שווערע צייטן, און צוזאמען זענען זיי בייגעשטאנען אלע שווערע גזירות, זייענדיג מחזק איינער דעם אנדערן! – און ווירקליך האבן ביידע צוזאמען איבערגעלעבט די מלחמה, און זענען געבליבן לעבן מיט די געוואלדיגע חסדים פון השי״ת, און האבן אויפגעשטעלט גרויסע און פארצווייגטע משפחות, אינעם דור נאך די מלחמה!

- פון דעם האב איך געזען, האט רבי ישראל אויסגעפירט פאר מיר זיין שפאנענדע ערציילונג, אז ווען מען האט רחמנות אויף א איד און מען האט אים אמת׳דיג ליב, איז דאס ממתיק אלע שווערע דינים. אזוי ווי די הייליגע חז״ל זאגן אין די גמרא אין מסכת שבת (קנא:): ״תַּנְיָא רַבָּן גַּמְלִיאֵל בְּרַבִּי אוֹמֵר, ׳וְנָתַן לְךָ רַחֲמִים וְרִחַמְךָ וְהִרְבֶּךָ׳ (דברים יג, יח), כָּל הַמְּרַחֵם עַל הַבְּרִיּוֹת מְרַחֲמִין עָלָיו מִן הַשָּׁמַיִם, וְכָל שֶׁאֵינוֹ מְרַחֵם עַל הַבְּרִיּוֹת אֵין מְרַחֲמִין עָלָיו מִן הַשָּׁמַיִם״. – און דעריבער האט ר׳ ישראל געהאלטן, אז טאקע אין זכות פון אט די געוואלדיגע ליבשאפט און רחמנות וואס האט געהערשט צווישן זיי אין די לאגערן, זענען זיי געראטעוועט געווארן און האבן איבערגעלעבט די שרעקליכע צייטן!

אריינטראכטנדיג אין זיינע ווערטער, בין איך אנגעקומען צום אויספיר, אז אין אמת׳ן געפינען מיר זיך אויך היינטיגע צייטן אין א מצב פון א רוחניות׳דיגע ׳וועלט מלחמה׳, רחמנא ליצלן, כידוע. איז, וויאזוי וועלן מיר זיך קענען מחזק זיין, און געראטעוועט ווערן און אויסהאלטן ברוחניות לעבנדיג ווי אן ערליכער און געטרייער אידיש קינד? דורכן כח פון **אהבת ישראל**! ווען מיר וועלן ליבהאבן און מקרב זיין איינער דעם אנדערן מיט אהבת חינם, און זיך שטארקן איינער דעם אנדערן, ״אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ יַעְזֹרוּ, וּלְאָחִיו יֹאמַר חֲזָק״ (ישעיה מא, ו)!

מיט די וועגן פון אהבת חינם, און מיט שָׁלוֹם וְרֵעוּת, וועלן מיר אינגיכן זוכה זיין ארויסצוגיין פונעם ביטערן גלות, און צואיילן אונזער אויסלייזונג, מיטן אויפבוי פון בית מקדשנו ותפארתנו, צוזאמען מיט משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

[קובץ ״כלליות״ דף קע״ח – מתוך שיחה בכולל ״מעדני השולחן״ בית שמש, כ״ח טבת תשס״א]

## ◆ כוחינו ב׳פה׳ ◆

אין ליכט פונעם מצב, האט מורינו ורבינו שליט״א גערעדט אום שבת קודש ביי שלש-סעודות, איבערן צורך זיך צו שטארקן אין תפילה בציבור, וויבאלד דאס איז א געוואלדיגע סגולה צו אפשטילן צארן ווען די מידת הדין איז אויסגעצויגן איבער אונז. ווען דער שבת קודש איז ארויסגעגאנגען, האט מורינו ורבינו שליט״א אויך געבעטן אז מען זאל מפרסם זיין אין זיין נאמען די סגולה איבער דאווענען מיט מנין.

דעריבער קומען מיר דא ערפילן זיין רצון, און מיר ברענגען דא א מימרא וואס מורינו ורבינו שליט״א האט נאכגעזאגט פונעם ספר ׳ברך משה׳, וואס אט די סגולה ווערט דארט ערקלערט, ווי פאלגנד:

׳וְזֶה שֶׁאָמַר הַכָּתוּב (במדבר לג, כה) ׳**וַיִּסְעוּ מֵחֲרָדָה**׳ כִּי בְּאִם יְבַקְשׁוּ יִשְׂרָאֵל לְהִנָּצֵל מִפַּחַד וַחֲרָדָה מִכָּל מִינֵי גְּזֵרוֹת קָשׁוֹת וְרָעוֹת אֲזַי ׳**וַיַּחֲנוּ בְּמַקְהֵלֹת**׳ הַיְנוּ **לְהִקָּהֵל וּלְהִתְאַסֵּף יַחַד וּלְהִתְפַּלֵּל עִם הַצִּבּוּר**, וְעַל זֶה נֶאֱמַר (תהלים סח, כז) ׳**בְּמַקְהֵלוֹת בָּרְכוּ אֱלֹקִים**׳ רוֹמֵז עַל **תְּפִלַּת הַצִּבּוּר בְּמַקְהֵלוֹת** עַם רַב אֲשֶׁר סְגֻלָּתָהּ נִשְׂגָּבָה לְבַטֵּל כָּל מִינֵי פַּחַד וַחֲרָדָה מֵעַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, וּבְכֹחָהּ יוּכְלוּ לְהִנָּצֵל מִכָּל צָרָה וְצוּקָה וּמִכָּל נֶגַע וּמַחֲלָה, וְיֻשְׁפַּע עֲלֵיהֶם אַךְ טוֹב וְחֶסֶד כָּל הַיָּמִים׳.

מיר האפן צום אויבערשטן אז ער וועט אויסהערן אונזערע תפילות, און פון הימל וועט נתעורר ווערן רחמים מרובים אויף אונז, און ער וועט אונז שענקען אלע ישועות, און אונז ברענגען די גאולה שלימה במהרה בימינו אמן.

◆ מוקד הזמנות ספרים ◆
של הגה״צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט״א
קו ההזמנות של מכון טיב 0733-22-76-09
טלפון אחד והספר אצלך
ללא עלות דמי משלוח
מכון טיב

יו״ל ע״י קהילת שבתי בבית ד׳ | רח׳ ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173